פון די פרושים, וועלכע האָבן געזאָגט: מען מוז
זיי (די גוים) מל זיין, און אָנזאָגן אָפּצוהיטן תורת
משה׳.
6 און די שליחים און די זקנים זענען זיך צוזאַמענ־
7 געקומען, אַריינצוקוקן אין דעם דאָזיקן ענין. און
ווען עס איז געוואָרן אַ גרויסע מחלוקה, האָט פּעטרוס
זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צו זיי: ברידער,
איר ווייסט, אַז פון די פריִעסטע טעג אָן האָט ג־ט
(מיך) אויסדערוויילט צווישן אייך, כדי דורך מיין
מויל זאָלן די גוים הערן דאָס וואָרט פון דער בשורה
8 טובה און זאָלן גלויבן. און ג־ט, וועלכער קען די
הערצער, האָט מעיד געווען צו זיי, געגעבנדיק זיי
9 דעם רוח הקודש פּונקט אַזוי ווי אויך אונז; און
נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אונז און
זיי, רייניקנדיק זייערע הערצער דורך דער
10 אמונה. פאַרוואָס זשע פּרואווט איר איצט אויס
ג־ט, מיטן אַרויפלייגן אויף דעם האַלז פון די
תלמידים אַן עול, וואָס נישט אונזערע עלטערן,
11 נישט מיר אַליין האָבן געקענט דערטראָגן? ניין,
נאָר דורך דעם חסד פון דעם האַר ישוע גלויבן
מיר דערלייזט צו ווערן אויף דעם זעלביקן אופן
ווי יענע.
12 און דער גאַנצער עולם האָט געשוויגן; און
זיך צוגעהערט צו בר נבאן און פּוילוסן, וועלכע
האָבן דערציילט וואָס פאַר אותות און מופתים
ג־ט האָט געטון צווישן די גוים דורך זיי. און נאָך
13 דעם ווי זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט יעקב
געענטפערט, אַזוי צו זאָגן:
14 ברידער, הערט זיך צו צו מיר; שמעון האָט (אונז)
דערציילט, וויאַזוי ג־ט האָט צום ערשט געבליקט,
צו נעמען פון צווישן די גוים אַ פאָלק צו זיין נאָמען.